שב"ק פרשת
**ויקהל - פקודי**
**שבת החודש**
**מברכים חודש ניסן**
כ"ה אדר תש"פ
מולד: ג' תרומה בשעה 11:14 לפנצ"ה, 11 חלקים
מחר חודש - ר"ח יום ה'

**זמנים**

**הדלקת הנרות**
**6:54**

**סו"ז קריאת שמע**
**9:24**

**זמן מוצש"ק**
**8:23**

בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פַאראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' ויקהל- פקודי תש"פ
Vol. 12-A
United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

# עמערזשענסי בלומינגראוו 'קמחא דפסחא' קאמפיין וועט ווידעראמאל פאראייניגן די גאנצע שטאט

## קאמפיין אינטערגענומען אויפ'ן איניציאטיוו פון הרה"צ האדמו"ר מזאבליטוב שליט"א

## וויכטיגע קאנפערענץ וועט פארקומען אין די קומענדיגע טעג מיט אלע טעכנישע דעטאלן

בהקהל את הקהל:

### הונדערטער תושבי העיר באטייליגן זיך ביים מעמד אדיר להקהל ולעמוד און הערן צו השעה וחובת האחריות פון מנהיגי הקהלות

פארכטיגע דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א לאזט איבער טיפער איינדרוק איף אלע פארזאמעלטע

אויספירליכע באריכט וועט נאכפאלגן



את כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

## השתלשלות השתדלנות

6

## וויכטיגע הלכה'דיגע אָנווייזונגען אין ליכט פון דעם יעצטיגן שווערן מצב

מיט'ן קאראנעווייררוס און אָפּשליסונג פון בתי מדרשים

3

## גרויסע קידוש ה' ווען פארשטייער פון י.ז.שעי.סי. ברענגען אריבער צו די לאקאלע אינסטאנצן מאטריאל צו באשיצן פון קאראנעוויירוס

הענט סעניטייזער, הענטשיך, און מאסקעס ווערן געבערענגט גענצליך אומזיסט צו די לאקאלע ווילעזש אפיסעס, טאון אף בלומינגראוו, פאליצײ הויפטקוואַרטירן

באאמטע דרוקן אויס גרויס דאנק, נאכדעם וואס די אגענטורן בלייבן אפן צו סערווירן די פובליק, אבער האבן נישט געהאט די מעגליכקייט צובאקומען די וויכטיגע שוץ ארטיקלן

# קאַראָנע...

געדאנקען:
מתתי' דייטש

א בהלה און א קריזיס טוט זיך אויפן גאס
לאמיר דעם פעדער מיט אביסל טינט מאכן נאס
די שטערקסטע רפואה איז א לחיים א גלעזעל ליקער
צו זיין בשמחה איז דער עיקר

ח"ו קיין פאניק נישט מאכן
ס'שאד נישט אביסל צו לאכן
ס'איז טאקע קאלט אינמיטן ווינטער
אבער די וועלט גייט נישט אונטער

מ'איז באזארגט מ'וועט אויסלויפן פון געלט
זייט וויסן עס איז דא א פירער פון די וועלט
גארנישט געשעהט נישט אן זיין גרויסן כח
נישטא פארוואס צו פארטושן די מח

מיר דארפן נישט זיין אנגעצויגן און שוויצן
יעדער קען רואיג זיצן
די גאנצע וועלט טוט דאס שפירן
אז דער באשעפער טוט אלעס פירן

מיר קענען זיך פארלאזן אויפן גרויסן גאט
ווייל א חשבון פאר אלעס ער האט
תשובה טוהן אין אזא זמן
איז נישט קיין שלעכטע פלאן

מיר וועלן דאס דורך לעבן און נישט שטארבן פאר הונגער
אט אט קומט משיח אנווייזן מיטן פינגער
מיט אן אדלער וועלן מיר קיין ירושלים פליען
אין אונזער היילי'גן לאנד פאר אייביג בלייבן רוען

וואס קענען מיר ארויס לערנען פון די צייט
זייער אסאך, מיר קענען דאס נעמען זייער ווייט
מען קען חתונה מאכן אינדערהיים גאר שיין
א דערהויבענע שמחה אן קיין געוויין

וואס מיר האבן געשריגן, אז ס'איז נישט מעגליך
טוט פארסירן אצינד אין דעם מאמענט טעגליך
לאמיר פון די ווירוס זיך נישט דערשרעקן
נאר אנשטאט זיך אויפוועקן

אפשר צוריק ברענגען די חן פון אמאל
נישט חתונה מאכן מיט א פאר הונדערט קאפצאל

אויף א איידעלע פארנעם באשיידן
נישט אויפרייסעריש זיך אנקליידן

מען וועט אונז נישט קענען פארפירן
איצט זעהט מען ס'טוט גארנישט פאסירן
א צייט פון א אידישע שמחה, נישט די שטאט איבערדרייען
נאר געלאסען און באשיידן, מיט א דערהויבענקייט זיך פרייען

עס איז געקומען א רוף פון אלע עסקנים
אויסצופאלגן די פסק פון די רבנים
קיינער זאל נישט זיין צו קלוג
נאר בלייבן זיצן אין שטוב

דער באשעפער וועט באווייזן וואונדער
מ'וועט אויסהאלטן א פאר וואכן מיט די קינדער
אפילו זיי טוען אלעס איבערדרייען
אז יעדער איז געזונט זאל מען זיך פרייען

אויב מ'קען מער נישט קויפן וואסער מען גיין צום ברונעם
נאר זיכער מאכן אז מ'גייט נישט ארויס פון זינען
מיר האפן אז יעדער טוט פארשטיין
אז אין שול און מקווה קען מען נישט גיין

דאווענען אינדערהיים מ'זאל אצינד
רעדן צום טאטן אין הימל ווי א קינד
בעטן א הייסע תפלה פון הארצן טיף
צו גרויסן באשעפער גיב א רוף

אין בלומינגראוו האט מען אפגעשטיפט די שטימען
ווייל מ'האט מורא מ'זאל זיך צוזאם קומען
נאך פסח וועט דאס אי"ה פאסירן
מיר וועלן זיי מיט רבי ישעי'לס יארצייט פארפירן

די עסקנים האבן פון אונז נישט געטוען פארגעסן
3 לאקאציעס האט מען צוגעשטעלט צו עסן
פאר די קינדער זאל עסן געווג זיין
אין די טאטעס קענען טרינקען וויין

כאפן א טענצל א פאר מאל א טאג
איז א סגולה פאר פיין אין פלאג
לאזט אלעס פייפן אין קראכן
נישט ווינען נאר לאכן

# וויכטיגע הלכה'דיגע אָנווייזונגען אין ליכט פון דעם יעצטיגן שווערן מצב

## מיט'ן קאראנעווירוס און אָפּשליסונג פון בתי מדרשים

### זיין אָפּגעהיטן אין די רעגירונגס אָנווייזונגען

מ'זאָל זיין אפגעהיטן אין אַלעם וואָס די רעגירונג האָט באַפוילן, און וואָס ווערט איבערגעגעבן דורך די געטרייע אָנפירער פון "חברה הצלה", וועלכע זענען זענען באַגלייבט אויף די הינזיכטן.

### טראָגן אַ ספר תורה און ליינען

וויבאַלד ס'איז יעצט אסור זיך צו פאַרזאַמלען אַסאַך מענטשן אויפאיינמאָל, און די בתי מדרשים זענען פאַרשלאָסן, זאָלן די וואָס קומען זיך צוזאַם דאַווענען אינאיינעם – בלויז אויפ'ן אופן לויט ווי ס'איז ערלויבט דורך די רעגירונג, און אָפּגעטיילט 6 פיס איינער פונעם אַנדערן – זאָלן פּרובירן זען אָנצוגרייטן אַ ספר תורה אויפ'ן פּלאַץ, צו קענען ליינען.

און מ'מעג טראָגן אַ ספר תורה דערפאר פון פּלאַץ צו פּלאַץ אפילו נאָר פאַר איין קריאה.

אויב איז נישטאָ קיין ספר תורה, ווייל ווי פארשטענדליך איז שווער פאר יעדן צו שאַפן, זאָל מען בשום אופן פאַר דעם נישט זיך פאַרזאַמלען מער מענטשן ווי ערלויבט דורך די רעגירונג!

ווען מ'האָט נישט קיין ספר תורה, אין די וואָכנטעג זאל מען טון ווי פאָלגענד: נאך שמונה עשרה זאל מען זאגן חצי קדיש, ליינען ג' קריאות און דערנאך זאל מען זאָגן חצי קדיש און אשרי וכו' אַזוי ווי אין אנדערע טעג.

תחנון קען מען נישט זאגן אויב איז נישטא קיין ספר תורה אינעם בנין וואו מ'דאווענט.

מ'קען הערן קריאת התורה אגאנצן טאג, און ווען ס'דאָ 6 וואָס האָבן נישט געהערט ליינען קען מען מצרף זיין נאָך 4 מענטשן, און מ'זאל ליינען די ג' קריאות און דערנאך זאָגן חצי קדיש. ווי אויך קען מען ליינען פאַר תפלת מנחה.

### סידור המנינים

ווען מ'דאַווענט אין שטוב, ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז מ'זאָגט נישט קיין מגן אבות.

היות מ'מאכט קלענערע מנינים, זאל מען זעהן אז יעדער זאל דאווענען אויף איין פלאץ, עס איז דא מערערע שאלות צו מצרף זיין פון איין שטוב צום צווייטן אדער האלוועיס, אויב איז דא ספיקות זאל מען זיך פארבינדן מיט א מורה הוראה

### ברכת מגן אבות בשבת

ווען מ'דאַווענט אין שטוב, ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז מ'זאָגט נישט קיין מגן אבות. (ס'דאָ וואָס פירן זיך אַז מ'זאָגט יאָ מגן אבות אפילו אין אַזאַ פאַל.)

### ליינען אום שבת קודש

שבת ווען ס'נישטא קיין ספר תורה, זאל מען ליינען די קריאה פון אַ חומש, אָן קיין ברכה. מ'רופט נישט אויס די עולים לתורה מיט זייער נאָמען "יעמוד" ווי געווענליך, נאָר דער בעל קורא לייענט די גאַנצע קריאה, און דערנאָך זאָגט מען חצי קדיש.

דעם שבת, אַזוי ווי ס'איז שבת החודש, זאָל מען נאָך דעם חצי קדיש ליינען פון חומש פרשת החודש, און מ'זאל זאָגן די הפטרה אָן אַ ברכה.

ווען ס'דא א מעגליכקייט אז נאכ'ן דאווענען וועט שוין זיין א ספר תורה, קען מען ליינען אגאנצן טאָג, און ווי אויך קען מען עס משלים זיין ביי מנחה.

ווען מ'איז מסדר דעם ספר תורה, היות ס'יעצט דאָ אַ מאַנגעל אין ספרים, זאל מען נישט האלטן 2 ספרי תורה אויף איין פּלאַץ צו האבן עקסטער פאר פרשת החודש, נאָר ענדערש ניצן איין ספר תורה און מישן צו די קריאה פון החודש.

### ראש חודש בענטשן

מ'קען בענטשן ראש חודש אפילו אָן קיין ספר תורה. און די מתפללים אָן א ספר תורה זאלן טון ווי פאָלגענד: נאָכ'ן ליינען אינעם חומש די גאַנצע קריאה מיט פרשת החודש, זאָל דער בעל תפלה פאָרזאָגן דעם סדר פון ר"ח בענטשן ווי געווענליך.

אין פאַל אַז מ'וועט זיך צוזאַקומען שפּעטער נאָכ'ן דאַווענען צום ליינען (ווי פאַרשטענדליך נאָר לויט'ן אופן ווי די רעגירונג ערלויבט) זאל מען ענדערש בענטשן ראש חודש דעמאָלט ביי די ספר תורה.

### זיך וואַשן מיט 9 קבין במקום טבילה

היות די מקוואות אין די בתי מדרשים פאַר'ן ציבור זענען אָפּגעשפאַרט דערווייל און מ'קען נישט גיין זיך טובל'ען, איז דאָ בדיעבד די עצה פון זיך וואַשן מיט תשעה קבין, וואָס מ'קען דאָס טון דורך אַ שויער ווי פאָלגענד:

פייכט מאַכן די פיס-פלאַך, דערנאך זיך שטעלן אונטער די שאָוער וואו די וואַסער שטראָמט, און עפענען דעם קראַן פונעם שאָוער [אַז ס'זאָל זיין כח גברא] און ער זאָל גיסן דירעקט קעגן זיין קאָפּ. און די הענט זאל מען לייגן קעגן דעם האַרץ, נישט פעסט אָנגעכאַפּט נאָר לייכט, און לאָזן דאָס וואַסער אַראָפּפליסן פון זיין קאָפּ אַרום זיין גאַנצן קערפּער, פאַר לערך 3 מינוט נאָכאַנאַנד.

אין פאַל אויב דער שאָוער גייט שטאַט, דאַרף מען שטיין אַביסל לענגער, אומגעפער פאַר 5 מינוט.

דעם אופן פון "ט' קבין" זאל מען טון יעדן אינדערפרי (שבת קודש, אויב מ'קען אינטער קאלטע וואסער,ובמקום ט"ע ישאל למו"ץ) אַנשטאָט טבילת עזרא, און די זעלבע ערב שבת ווען מ'גייט אין מקוה לכבוד שבת.

### וואַשן די הענט שבת מיט דיסאינפעקשאָן

מ'דאַרף זיין געווארענט אין די יעצטיגע טעג זיך צו וואַשן די הענט אַגאַנצן צייט, אַזוי ווי די גאָווערמענט האָט באַפוילן.

אום שבת קודש קען מען זיך וואַשן מיט דיסאינפעקציאָן, אויב איז עס רינענדיג – אפילו ווען ס'איז אביסל געדעכט. אָבער מיט די ספּעציעלע נאַסע אלקאהאל-פּאפּיר טאָר מען זיך נישט אָפּווישן די הענט אום שבת.

### ווייטאַמינען אום שבת קודש

מ'מעג נעמען די ספּעציעלע ווייטאמינען וואָס ווערט רעקאָמענדירט צו פאַרשטאַרקן דעם אימיון סיסטעם, אפילו אום שבת קודש.

### זיין אָפּגעהיטן אין מאַכן "מאה ברכות"

מ'זאל זען צו זיין אפּגעהיטן צו מאכן הונדערט ברכות יעדן טאָג. אום שבת קודש, אויב קען מען נישט הערן די ברכות ביים ליינען, וואָס קען געווענליך גערעכנט ווערן אין די מאה ברכות, זאָל מען זען צו מאַכן ברכות אויף אַנדערע זאַכן, פּירות, מזונות אא"וו. דאָס איז א גרויסע סגולה צו ווערן אפּגעהיטן פון א מגיפה.

### סדר פון שלש סעודות אום שבת קודש

ס'איז פשוט אַז מ'זאָל זיך נישט צוזאַמקומען אויף שלש סעודות אויף א גרעסערן אופן, נאר מ'זאל עסן אין די שטיבער, און דאווענען מנחה ומעריב אין די קלענערע מנינים, ווער ס'מעג ארויסגיין פון שטוב לויט'ן אופן ווי די רעגירונג ערלויבט. דער סדר פון ליינען ביי מנחה זאל זיין ווי פריער דערמאַנט.

### לערנען מיט די קינדער

אגאנץ יאר איז מען יוצא די מצוות עשה דאורייתא פון "ושננתם לבניך" אויך מיט דעם וואס די חשוב'ע מלמדים לערנען מיט די קינדער אלס די שלוחים פונם טאטן. היות, ליידער, יעצט איז אלעס פארמאכט, ליגט א חוב אויף יעדן טאטן צו מאכן צייט צו לערנען מיט זיינע קינדער און זיי מחנך זיין לתורה ויראת שמים.

### סדר פון רייניגן אויף פסח

היות די קינדער זענען אין שטוב אין די יעצטיגע טעג, וואס פארשווערט זייער שטארק אויף די עלטערן די ארבעט פון רייניגן אין שטוב אויף פסח, דעריבער קען מען יעצט גרינגער נעמען די אַלע חומרות וואָס זענען נישט מעיקר הלכה,, אזוי אויך קען מען זיך פארלאזן אויף אסאך זאכן אויף מכירת חמץ, און בכלל איז די מצוה נאר ארויסצורוימען די חמץ און נישט סתם זויבער מאכן די הויז, כדי די עלטערן זאָלן האָבן די קאָפּ און רואיגקייט זיך אפצוגעבן מיט די קינדער אָן קיין שוועריגקייטן.

ס'איז כדאי יעדער זאל פּערזענליך פרעגן זיין דיין, מיט וואס און מיט וויפיל מ'קען זיך פארגרינגערן אין די ארבעט פונעם פסח'דיג מאַכן.

### זיין געוואָרענט אינעם מצב פון פיקוח נפשות

ס'איז פשוט אז קיינער זאל זיך נישט איבערקלוגן אויף די אלע וואָרענונגען פון די רעגירונג און די עסקנים פון "חברה הצלה", וועלכע זענען באַגלייבט אין אלעם וואס זיי זאָגן. די אַלע זאַכן זענען געוואָרן איבערגערעדט מיט דיינים.

ווער עס נעמט עס נישט ערנסט און היט נישט איין די אַלע וואָרענונגען פון די רעגירונג זאָל וויסן אַז ער שפּילט זיך מיט פיקוח נפשות, און די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַנדערע ליגט אויף אים!

### זיך אפּהיטן אינעם זמן תפלה און שיעורי תורה

כדי מ'זאָל נישט קומען מקיל זיין בעתיד ח"ו אין דעם ענין פון דאַווענען מיט מנין אא"וו, דעריבער זאָל יעדער וואָס איז מחמת המצב געצוואונגען יעצט צו דאַווענען ביחידות זען לכה"פ צו דאַווענען אין דעם געווענליכן זמן וואָס ער דאַווענט אַגאַנץ יאָר, און ס'זאל זיין אין צייט וואָס דער ציבור איז דעמאָלט מתפלל.

די זעלבע זאָל מען נישט נאָכלאָזן גאָרנישט פון די שיעורים קבועים וואָס מ'האָט, אויף סיי וועלכן אופן מ'קען לערנען, צי דורכ'ן טעלעפאָן צי אין שטוב כדומה, כדי ס'זאָל ח"ו נישט קומען צו קיין ביטול תורה.

בכלל איז כדי צו אנהאלטן א סדר אין שטוב, צו האבן א זמן קבוע צו אויפשטיין, און לערנען פאר'ן דאווענען, און צו באשטימען א צייט ווען צו עסן, און זיין געווארענט נישט צו מאכן פון טאג נאכט, און פון נאכט טאג.

# דרינגענדע זיצונג פאַררופן דורך "טאון סופערוויזער" מיט באטייליגונג פון י.ז.שעי. ס. פאָרשטייער באַהאַנדלט קריטישע פאַרמיידונגס שריט אין שאָטן פון "קאראנע ווירוס"

זיצונג פארלאפענעם מאנטאג ווערט אפגעהאלטן צווישן אלע "עמערדזשענסי מעדיקל אגענטורן" פון לאקאלע מוניציפאליטעטן, אזוי אויך באטייליגן זיך רעפרעזענטאטן פון דער "קאונטי עמערדזשענסי מענעדזשמענט"

חשוב'ע עסקנים פון דער י. ז.שעי. ס. קאמיטע באהאנדלען אינאיינעם מיט אפיציעלע באאמטע די אקטועלע דעטאלן איבער די שרעק אנווארפענדע ווירוס און אלע נויטיגע מאנסנאמען וועלכע זאלן אונטערגענומען ווערן צו אפהאלטן די וויטערדיגע אויסשפרייטונג ה"י

י.ז.שעי.סי. מיט שתדלנות צו די באהערדע צו אפשטיפן די צייט צו באצאלן די וואסער בילס מיט עטליכע חדשים אין ליכט פונעם קריזיס וואס אסאך זענען מחוסר פרנסה, די קינדער זענען אינדערהיים און לויט די אנווייזונגען נוצט מען אסאך מער וואסער ווי געווענליך

דעטאלן ווען נאכפאלגן

לך עמי בא בחדריך וסגר דלתיך בעדך - חבי כמעט רגע עד יעבור זעם

ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

## בתי מדרשים און מקוואות טוען די ריכטיגע אחריות און זענען ליידער געשפארט אין ליכט פון פיקוח נפש צוליב די קאראנע ווירוס

בלומינגראווער אידן נעמען די שווערע מצב אביסל לייכטער מיט די גרעסערע דירות און פריוואטע הויפ'ן וואס גיט די מעגליכקייט ארויסצוגיין פריוואט אויף די גאס אין א מצב פון פיקוח נפשות

אם תשיב משבת רגליך - אשרי יושבי ביתך - שבת הוא מלזעוק ולרפואה קרובה לבא

אויפ'ן אינטערוועניץ פון י.ז.שעי.סי.

# פרישטאג און מיטאג פעקלעך ווערן געברענגט קיין בלומינגראוו צו נערן אונזערע משפחות

די פעקלעך פון די קרית יואל'ער מוסדות ווערן געברענגט דירעקט קיין בלומינגראוו לטובת הציבור

ספעציעלע נייע "טעקסט מעסעדזש" סיסטעם מיטצוטיילן אפדעיטס
צו אויפסיינען צו באקומען די טעקסט: שיקט א טעקסט צו 845-237-4828

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

# ווייכטיגע אויפפאדערונג

United States Census 2020

אזוי ווי אין די יעצטיגע טעג איז אנגעקומען אין דער פאסט די

## "צענזוס פאָרעמס"

וואס ווערט ארויסגעשיקט פאר אלע בירגער איבער דער פאראייניגטער שטאטן זאל מען נעמען אין קענטעניס דאס וויכטיגקייט פון אויסשטעלן און צוריקשיקן די "צענזוס פארעמס" פאר אונזער אייגענע טובה

די צענזוס ציילונג ווערט אפגעהאלטן **בלויז איינמאל יעדע 10 יאר** און די פעדעראלע רעגירונג נוצט די צענזוס ציפערן צו העלפן באשטימען וויאזוי 56 ביליאן דאללער אין פעדעראלע פאנדן, אריינגעשלאסן פאנדינג פאר געזונטהייט סערוויסעס, אינפארסטראקטור, זיכערהייט פאנדן, פאנדינג פאר האוזינג ווי סעקשאן 8 א.א.וו., ספעשל עדיוקעישן הילף, און געלט צו העלפן איינשטעלן בעסערע זיכערהייט מאסנאמען אין געגנטן. די צענזוס ווערט אויך גענוצט ווען מען באטראכט צו א געגנט דארף מער העלט צענטערן געזונטהייט סערוויסעס און אנדערע רעגירונג הילף.

**נעמט אין באטראכט - דאס אויספולן די "צענזוס" געדויערט ווייניגער ווי צען מינוט, און אין דעם וועגדט זיך ריזיגע הילף און פאנדן פאר'ן יחיד און פאר'ן רבים אויף די קומענדיגע 10 יאר!**

**אויב מען פארנאכלעסיגט דאס וועט אונזער געגנט אריינקומען מיט שוואכע צענזוס ציפערן און דאס קען חלילה זיין א "חסרון לא יוכל להמנות" פאר לאנגע יארן.**

צום באמערקן: **די צענזוס אינפארמאציע וואס מ'גיט אריין ווערט געהאלטן שטרענג אין געהיים, די צענזוס ביורא טאר געזעצליך נישט מיטטיילן קיין שום פערזענליכע אינפארמאציע מיט קיין שום רעגירונג אגענטור**, אז יא דראעט דעם באאמטער וואס גיט עס ארויס ביז פינף יאר טורמע. **מען קען רואיג ענטפערן סיי וועלכע פראגע בנוגע אימיגראציע, פארדינסטן, וואו מ'וואוינט א.ד.ג.** אן מורא האבן אז עס וועט ערגעץ אנקומען. די ענטפערן ווערן בלויז גענוצט פאר אלגעמיינע סטאטיסטיקס פון דער געגנט.

פארשטייט זיך אז מ'זאל **אריינצייכענען "אידיש" ביי די "עטנישע באפעלקערונג ליסטע**, אז די פאנדן וואס ווערן באשטימט זאלן אנקומען צו די ריכטיגע אדרעס.

מיט דאנק און שעצע

**United Jewish Community of Blooming Grove**

אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלות

## איך נאכן פלוצלונדיגן טויט פונעם טראסטי; הארטנעקיגע אנטשלאסנקייט קעגן אידישע איינוואוינער

ווי די הונדערטער תושבי העיר האבן עס מיטגעהאלטן ביים הערכסט אינפארמאטיוון "פאנעל", ביי דער ענדע פון דעם אומפארגעסליכן מעמד מרומם וכינוס "להקהל ולעמוד" דעם פארלאפענעם מוצש"ק העעל"ט, איז דארט אויפגעוויקלט געווארן נאך א דעטאל וואס איז ביז היינט נישט געווען באקאנט פאר'ן ציבור, איבער די סאמע לעצטיגע השתדלות צו פרובירן דעם מהלך פון "דרכי שלום" אויך אין מינוט נאכ'ן לעצטן.

באלד נאך דעם טויט פון דעם פארשטארבענעם טראסטי מילעניע, ווען ס'איז קלאר געווארן אז דער טיקעט פון דעם אמטירנדן מעיאר קען שוין נישט אפיציעל אריינשטעלן א צווייטן קאנדידאט, צוליב דעם וואס עס איז שוין זייער נאנט צו די וואלן, האבן די געטרייע "יו. דזשעי. סי." עסקנים געשפירט אז אפשר איז אצינד א "שעת הכושר", ווען מען קען מעגליך טרעפן אן "אוזן קושבת" ביים מעיאר.

מען האט געקלערט אז שטייענדיג אין א צייט ווען ער האט זיך געטראפן אין אזא דילעמע איז ער פיליכט גרייט צו הערן און זיך אראפזעצן פאראהאנדלען און זיך דורכקומען מיט די אידישע געמיינדע אין שטאט, און דעריבער האט מען טאקע אונטערגענומען א סעריע פון שתדלנות, און אונטערגעשיקט מערערע מעסעזשעס דורך פארשידענע קאמיוניקאציע קארידארן, וואו מען האט זיך געבעטן אז אפשר אצינד איז שוין געקומען די צייט זיך צו דורכקומען בדרכי נועם.

די אחריות'דיגע עסקנים האבן זאגאר פארגעשלאגן פאר'ן מעיאר אז פון אונזער זייט זענען מיר גרייט צו אקעגן קומען מיט א זעלטענעם לפנים משורת הדין'יגע פארשלאג וואס וועט פארזיכערן זיין קאנדידאטור. דהיינו, אויב דער מעיאר וועט מסכים זיין צו קאמפיינען פאר איין אידישן 'טראסטי', דעמאלט זענען מיר גרייט צו ארויסציען אונזער קאנדידאט פון דעם מעיארעל פארמעסט און ערמעגליכן אז ער זאל גרינג געווינען דעם פאזיציע פאר די קומענדיגע צוויי יאר!

אבער אלע האפענונגען אז יעצט "על פתחו של...", ווען די הויט ברענט פאר'ן מעיאר, זאל מען קענען פועל'ן עפעס זאכליכע פארשריט, איז דראסטיש צערינען געווארן, ווען אין אויסטויש אויף די ביטע האט דער מעיאר זיך באלד ארויסגעלאזט אין א פרישע "רייט אין" קאמפיין פאר א נייע קאנדידאטקע, דאסמאל א באקאנטע מרשעת, וואס איז שוין לאנג טרויעריג בארימט מיט איר אפענע אנטיסעמיטישע פארגאנגענהייט און אידן אין בלומינגראוו האבן שוין פון איר געליטן אסאך עגמת נפש און געלט שאדן ה"י.

אט דאס איז געווען דער אנטווארט פונעם מעיאר, צו די אידעלע בקשות און תחנונים פון די אידישע געמיינדע וועלכע זוכט און קוקט ארויס צו לעבן בשלום און בדרכי נועם. און אט דאס איז טאקע געווען דאס בעסטע צייכן און חיזוק איבער אונזער אויסטערלישער חיוב און אחריות צו אויספאלגן דעם דעת תורה הברורה פון די גדולי רבני העיר שליט"א, להקהל ולעמוד על נפשינו, ביי די בעפארשטייענדע וואלן הבאים לקראתינו.

## די פאזיטיווע רעזולטאטן פון אפשטופן די וואלן

בלומינגראווער איינוואוינער זענען דעם פארלאפענעם דינסטאג איינגעמאלדן געווארן אז אין ליכט פון די "קראונע" ווייערוס אויסברוך האט דער גאווערנער קאומאו יר"ה פאראדרעט אז אלע ווילעדזש וואלן דורכאויס ניו יארק סטעיט זאלן אפגעשטעלט און אפגעשטיפט ווערן אויף דעם קומענדיגן אפריל 28 למספרם.

געוויס וואלט מען, פון איין זייט, שוין געוואלט האלטן נאך די גאנצע וואלן סומוטכאק און זיך שוין זעהן "נאכדעם", אבער ווי מערערע זאך קענער און פאליטיש יודעי דבר ציגן אָן איז ווארשיינליך אז דאס אפשטופן די וואלן אצינד א הערכסט פאזיטיווע פאקטאר וואס וועט בעז"ה שטארק בעניפיטירן דאס וואלן אויסגאנג לטובתינו.

צום אלעם ערשטן: וויבאלד דעם קומענדיגן אפריל 28 איז אויך די אלגעמיינע "פריימערי'ס עלעקשאנס", ווערט די וואלן באגלייט און געפירט דורך די "אראנדזש קאונטי באורד אוו עלעקשאנס", און נישט דורך די לאקאלע "ווילעדזש אפיס".

וואס איז א געוואלדיגע טובה זינט די "באורד אוו עלעקשאנס" איז נישט אזוי קארופטירט ווי די היזיגע אפיס באאמטע, וועלכע וואלטן אויסגענוצט יעדע סארט מיטל צו בייגן די רעזולטאטן אין א געוויסע ריכטונג וד"ל.

דאס זעלבע וועט ארויסקומען א שטארקע תועלת ווען ביי די אפריל 28 עלעקשאנס וועט מען שוין קענען אפגעבן די שטימע אנגעהויבן פון 6 פארטאגס, וואס וועט ערמעגליכן פאר מערערע אידן וועלכע פארן אריין צו דער ארבעט צו אפגעבן זייער שטימע רואיג אין די אינדערפרי' שטונדן, אנדערש ווי די אפגערופענע וואלן ווען די ווילעדזש האט בשום אופן נישט געוואלט עפענען די שטום בודקעס איידער 12 אזייגער נאכמיטאג, כדי צו אפהאלטן מענטשן פון אויסנוצן זייערע שטים רעכטן.

איבער אלעם איז אינטערסאנט צו נאטירן אז דער גוי'אישער דאטום פון אפריל 28 געפאלט אויס אויף ד' אייר, איין טאג נאך די יומא דהילולא קדישא פון דעם גרויסן פועל ישועות פאר אידישע קינדער, הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר זי"ע, וואס אייגנטליך איז טאקע דער "טיקעט" פון די יו. דזשעי. סי. מעיאר קאנדידאט גערופן געווארן מיט דעם נאמען RSBM צו מעורר זיין זכותו של אותו צדיק בדבר ישועה ורחמים.

ס'איז נישט קיין צווייפל אז שטייענדיג בלויז איין טאג נאך זיין גרויסע יארצייט וועט דער זכות פון דעם הייליגער רבי ישעי'לע זי"ע באגלייטן אידישע קינדער אין בלומינגראוו, וממקומו הוא יפן ברחמים לכונן עיר מושב בעז"ה!

גלייכצייטיג איז מערקווירדיג צו ערוועגען א גאר טרעפליכע געדאנק וואס האי איש חסיד מראשוני תושבי עירינו, הרה"ח מו"ה שאול יודא מענדלאוויטש

שליט"א, האט מיט התרגשות איבערגעגעבן פאר די "שטימע" אז דער טאג פון די בעפארשטייענדע וואלן, ד' אייר, איז אקוראט דער זעלבער טאג ווען מיט עטליכע יאר צוריק האבן די רשעות'דיגע באהערדע אפגעשלאסן און פארמאכט דעם הייליגער בית גדול לתורה ולתפלה, דאס בית המדרש און מקוה אויף 13 דעללעס, וואס איז אכזריות'דיג פארשלאסן געווארן עד היום הזה.

ר' שאול יודא ציינט אָן אז "מאת ה' היתה זאת" אז אין דעם זעלבן טאג ווען די יעצטיגע ווילעדזש באאמטע האבן פארשלאסן דעם בית ה' וועט מען בעז"ה זוכה זיין צו די התרוממות קרן פון אידישע קינדער אין שטאט, ווי מען לייענט אין דער מגילה, "ביום אשר שברו אויבי היהודים לשלוט בהם ונהפוך הוא", וועט עס זיך בעז"ה ענדיגן זייערע רדיפות אויף אידישע קינדער און אויף אידישע בתי מדרשים וקהלות הקדושות.

צוברכן און אנטוישט האט מען פארלאזט דעם ווילעדזש האלל, ווען דער זייגער קלאפט 4:51, קנאפע 20 מינוט צום זמן, וויסנדיג אז מען האלט ביי "אלף" און מען איז פארבליבן אויף'ן זעלבן פונקט ווי פריער, מען שטייט דארט וואו מען האט אנגעהויבן דעם זיצונג מיט איינס און אהאלב שעה צוריק.


United Jewish Community of Blooming Grove

United Jewish Community · Est. 2019 · of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
Board Chairman

**Joel Stern**
Board Representative

**Robert S. Rosborough IV**
Board Counsel

**Joseph Weinberger**
Finance / Fundraising

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
Board members

בס"ד

צוליב די שווערע מצב איבער די וועלט, און דער יום טוב פסח שטייט שוין ביים שוועל, אין די תקופה זענען דא אסאך משפחות וואס זענען מחוסר פרנסה, אזוי אויך איז דא א זארג אז ס'וועט מעגליך זיין א מאנגל אין וויכטיגע פראדוקטן און מאטריאלן וואס פעלט זיך אויס אין יעדע אידישע שטוב אויף פסח.



אלזא האבן מיר אגנאזשירט און פארופן אן

# עמערדזשענסי קמחא דפסחא קאמפיין

**די קאמפיין ווערט געפירט דורך די פארשטייער פונעם באורד**
אויפ'ן אינציאטיוו ובהשתדלות פון
## הרה"צ האדמו"ר מזאבליטוב שליט"א

- עס איז וויכטיג אז יעדער וואס קען צולייגן הילף **"בגוף"** און **"בממון"** צו די גרויסארטיגע קמחא דפסחא זאל אנטייל נעמען אינעם קאנפערענץ.
- עס גייט זיך אויספעלן אסאך הילף אויף די פאלגענדע אופנים: **פאנדרעיזינג, קשרים** מיט **סופלייערס, שיפינג** אריין **צו בלומינגראוו, שיפינג** און דעליווערי **צו די אדרעסן** פון תושבי בלומינגראוו, **לאגיסטיקס** און **מענעדזשמענט** אינעם **ארט פון די די סטארעדזש,** און נאך.
- עס גייט זיך פארלאנגן די **מאקסימום צוזאמארבעט** פון אלע **עסקנים** און אלע תושבים, בכדי **צו קענען אויספירן דעם אינציאטיוו מכח אל הפועל** אין די קורצע צייט.

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז עס וועט פארקומען א

## וויכטיגע קאנפערענץ

**פאר "אלע" עסקני העיר צוזוגרייטן די הילף לכבוד פסח פאר אונזערע משפחות**

די פונקטליכע צייט ווען און וויאזוי די קאנפרענץ וועט אפגעהאלטן ווערן וועט מען מודיע זיין אין א קומענדיגע מעלדונג

**דערווייל אויב האט איר סיי וועלכע גוטע געדאנק עס קען ארויסהעלפן אונזערע תושבים ביטע אריינשיקן פארשלאגן און קאמענטארן צו די באורד**

**בלומינגראוו האט אין די פארגאנגענע חדשים געוויזן א מוסטער פאר די אידישע וועלט מיט'ן כח האחדות, און מיט'ן זעלבן כח וועלן מיר בעז"ה מצליח זיין דאסמאל אויך!**

**פאר סיי וועלכע אנפראגע קען מען רופן אין אפיס פון יו.זשעי.סי. 845-237-4828 און לאזט א מעסעדזש**

ובשם ה' נעשה ונצליח!! חג כשר ושמח!!

## זמגיראד שמש שטיבל

# דעליווערי צו אייער טיר

**וויין, ברוינפן, קאפלעך, ציצית, לעכט, אד"ג**
**נייע ביכלעך**

אזוי אויך האבן מיר א פול ליין פון:
ברויט, טונא, אייער, לאקס, ווייט פיש, אייער קיכל, קאווע, קוקיס,
ראגעלעך, דענישעס, טשיפס, פרישע טשאקלעט, מילך, אראנדזש
דשוס, עפל דשוס, אייז קריעם, אייסעס, פעיפער גודס, פעמפערס

צו באשטעלן רופט:

**845.782.1648**

לייב הערשקאוויטש 845.248.6411



byldit.
BYLDITNY.COM

we
just
build.










BERRY & MOSHE
SHEA POSEN

845 400.BYLD
2953
INFO@BYLDITNY.COM


United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

**United Jewish Community of Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

# ערב פסח מעלדונג

דערמיט טוען מיר מודיע זיין פאר תושבי בלומינגראוו הע"י אז
אין בעפארבערייטונג צום יום טוב פסח הבעל"ט, איז די יו. זשעי.
סי. קאמיטע אקטיוו

## צו ערמעגליכן אַן עפעקטיווע און צוגענליכע סיסטעם פאר

# גארבידזש פיקאָפּ

## אין די ערב פסח טעג ווען אידישע שטובער ווערן אויסגעליידיגט פונעם חמץ

## בפרט יעצט לאור המצב, ווען די קינדער זענען אינדערהיים, און די מאס פון גארבידזש איז פיל מער ווי געווענליך.

דאס זעלבע ווערט אצינד אויסגעארבעט מיט'ן היזיגע
"פייער ליעזאן" מוה"ר **יצחק בערנאטה** הי"ו די פאסיגע
פלענער וויאזוי צו אהערשטעלן און אגאנזשירן

# "שריפת חמץ"

## פאר אלע געגנטער אין בלומינגראוו אויפ'ן בעסטן און זיכערסטן פארנעם.

מער פרטים וועט אי"ה זיין אין קומענדיגע מעלדונגען

**United Jewish Community of Blooming Grove**